U.S. Department of Education
*Office for Civil Rights*

# ידיעות בלעטל:
# באַשיצן תלמידים פון דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן

דער אַמט פאַר בירגעררעכט פונעם דעפּאַרטמענט פון דערציאונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן טוט דורכפירן דעם „טיטל זעקס“ פונעם אַקט פאַר בירגעררעכט פון 1964, וואָס באַשיצט אַלע שילער פאַר דיסקרימינאַציע באַזירט אויף ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט אין סיי וועלכער פּראָגראַם אָדער אַקטיוויטעט וואָס באַקומט פינאַנציעלע שטיצע פונעם דעפּאַרטמענט. דאָס ידיעות בלעטל באַשרייבט וויאַזוי די דאָזיגע באַשיצונג דעקט תלמידים וואָס זענען — אָדער וואָס זענען אויס צו זיין — אידן, קריסטן, מוסלמענער, סיקבן, הינדוסן, בודיסטן, אָדער פון אַן אַנדערער רעליגיעזער גרופּע.

## באַשיצונג פון דיסקרימינאַציע דורך טיטל זעקס:

1 די באַשיצונג פון טיטל זעקס פאַר דיסקרימאַניצע לויט ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט איז חל אויף שילער וואָס ווערן דיסקרימינירט אָדער געטשעפּעט איבער זייער פאַקטישע אָדער געדאַכטע: (א) געמיינזאַמע אָפּשטאַמונג אָדער עטנישע שטריכן; אָדער (ב) בירגערשאַפט אָדער איינוואוינערשאַפט אין אַ לאַנד מיט אַ דאָמינאַנטער רעליגיע אָדער אַ דיסטינקטיווער רעליגיעזער אידענטיטעט. פאַר מער פרטים, ביטע זעט די פּובליקאַציע פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט פון 2017 ווייסט אייער רעכט: ידיעות בלעטל וועגן טיטל זעקס און רעליגיע.

2 טיטל זעקס פאַרווערט דיסקרימינאַציע לויט ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט קעגן שילער פון סיי וועלכער רעליגיע, למשל אידן, קריסטן, מוסלמענער, סיקבן, הינדוסן, בודיסטן, ווען די דיסקרימינאַציע נעמט אַריין, צום ביישפּיל:

- זידלווערטער אָדער סטערעאָטיפּן וועגן ראַסע, עטנישער געהעריגקייט אָדער אָפּשטאַם;
- ווי אַ שילער זעט אויס, אַריינגענומען הויט פאַרב, פיזישע שטריכן, אָדער מלבושים וואָס שפּיגלען אָפּ סיי עטנישע, סיי רעליגיעזע טראַדיציעס; און
- אַ פרעמדן אַקצענט, אַריינגערעכנט נעמען אַסאָציאירטע מיט ספּעציפישע געמיינזאַמע עטנישע אָדער אָפּשטאַם שטריכן; אָדער דאָס רעדן אַ פרעמדע שפּראַך.

3 היות ווי טיטל זעקס באַשיצט נישט שילער פון דיסקרימינאַציע באַזווירט אויף רעליגיע אַליין, למשל אויב אַ שולע זאָגט אָפּ אַ בקשה מצד אַ שילער צו פאַרפעלן אַ לעקציע אין אַ רעליגיעזן יום־טוב, טוט דער אַמט פאַר בירגעררעכט איבערשיקן טענות וועגן דיסקרימינאַציע באַזירט נאָר אויף רעליגיע צום אַמעריקאַנער יוסטיץ דעפּאַרטמענט וואָס האָט יוריסדיקציע איבער דעם ענין.

U.S. Department of Education
*Office for Civil Rights*

## ביישפּילן פון דעם סאָרט אינצידענטן וואָס וואָלטן געקענט גילטן אַלס איבערטרעטונגען פון טיטל זעקס, געווענדט אין די פאַקטן און אומשטענדן, נעמען אַריין:

- אַ אידישער שילער אין מיטלשול גיט איבער אַ לערער אַז ער פילט זיך באַדראָט אין שול ווייל אַנדערע שילער אין זיין קלאַס לייגן אַרויף צעטלעך מיט האַקנקרייצן אויף זיין רוקזאַק, סאַלוטירן מיט דער נאַצישער סאַלוטירונג, און מאַכן וויצן וועגן דעם האָלאָקאָסט. דער לערער עצה'ט דעם שילער ער זאָל דאָס „פּשוט איגנאָרירן" און נעמט נישט אָן קיין מיטלען צו אַדרעסירן די באַלעסטיגונג.
- שילער גיבן איבער זייערע זאָרגן וועגן באַמערקונגען וואָס אַנדערע אין זייער קלאַס מאַכן בשעת לעקציעס וועגן געשיכטע און קולטור מיט אַ שייכות צו סיקביזם, איסלאַם, און אַנדערע טראַדיציעס פּאַרשפּרייטע אין דרום אַזיע. מוסלמענישע שילער באַשרייבן, למשל, ווי אַנדערע שילער האָבן זיי געזאָגט אין קלאַס „דו האָסט אָנגעהויבן 9/11" און אַז מ'האָט זיי גערופן „טעראָריסט". די שול, טענה'ט מען, האָט נישט אָנגענומען קיין עפעקטיווע מיטלען צו אַדרעסירן די טענות.
- סיקבישע שילער וואָס גייען אַ טורבאַן (קאָפּ־צודעק) רופט מען כסדר „טורבאַן" און מיט אַנדערע באַליידיקנדיגע צונעמענישן אין שול, און אַ שילער פּרובירט אַראָפּצורייסן אַ טורבאַן פון אַן אַנדערן שילער אַ סיקך. שילער געבן איבער אַז דער דיסטריקט נעמט נישט אָן קיין עפעקטיווע מיטלען צו דאָקומענטירן און אַדרעסירן די באַריכטן.

## וואָס קען איינער טון אויב מ'דיסקרימינירט קעגן אַ שילער צוליב געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישע שטריכן?

ווער עס האַלט אַז אַ שול האָט דיסקרימינירט קעגן אַ שילער וועגן ראַסע, קאָליר, אָדער נאַציאָנאַליטעט קען אַריינטראָגן אַ טענה פון דיסקרימינאַציע צום אַמט פון בירגעררעכט במשך 180 טעג פון דער אָנגעבליכער דיסקרימינאַציע. כדי איינצוגעבן אַ טענה, באַזוכט https://www2.ed.gov/about/offices/list/ocr/complaintintro.html

## נאָך רעסורסן

***מער פּרטים*** קען מען געפינען אויפ'ן וועבזייטל וועגן טיטל זעקס דיסקרימינאַציע באַזירט אויף געמיינזאַמען אָפּשטאַם אָדער עטנישטע שטריכן פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט, וואָס איז צו געפינען ביי www.ed.gov/ocr/sharedancestry.html. אויב האָט איר פראַגעס אָדער דאַרפט טעכנישע הילף, ביטע קאָנטאַקטירט דעם אַמט פאַר בירגעררעכט וואָס דינט דעם שטאַט אָדער טעריטאָריע וואו די אָנגעבליכע דיסקרימינאַטאָרישע אויפפירונג איז פאָרגעקומען דורכן באַזוכן https://ocrcas.ed.gov/contact-ocr. איר מעגט אונז אויך קאָנטאַקטירן אויף 421-3481 (800) אָדער ocr@ed.gov.

פאַר אומזיסטיגע שפּראַך באַדינונגען אָדער רעסורסן, וואָס קען אַריינרעכענען מינדליכע טעכנישע הילף אָדער אַ געשריבענע איבערזעצונג פון אַן עפנטליכן דאָקומענט פונעם אַמט פאַר בירגעררעכט, קאָנטאַקטירט אונז אויף 1-800-421-3481 (TDD: 1-800-877-8339) אָדער שרייבט אונז אַן אימעיל אויף ocr@ed.gov. פאַר מער פּרטים וועגן די אָפּטייטשונג אדער איבערזעצונג באַדינונגען פונעם דעפּאַרטמענט, ביטע רופט 1-800-USA-LEARN (1-800-872-5327) (TTY: 1-800-437-0833) אָדער שרייבט אַן אימעיל צו Ed.Language.Assistance@ed.gov. צו בעטן דאָקומענטן אין אַנדערע פאָרמאַטן ווי ברעיל אָדער גרויסן שריפט, ביטע קאָנטאַקטירט דעם דעפּאַרטמענט אויף 202-260-0852 אָדער om_eeos@ed.gov.

*ביטע זייט וויסן אַז דער דאָזיקער רעסורס האָט נישט די גילטיגקייט פון אַ געזעץ. די דורכפירונג פון טיטל זעקס דורכן אַמט פאַר בירגעררעכט שטאַמט פון טיטל זעקס און זיינע אויספירערישע רעגולאַציעס.*